UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
“Simfonye In Vint”, Lider fun Rifke Kope ( “Symphony in the Wind”, Poems of Rebecca Koppe)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5q72f7tk

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
(M. S.), M.Sh.

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# „סימפאָניע אין ווינט"

## אַ נײַ לידער-בוך פון רבקה קאָפּע

די דיכטערין רבקה קאָפּע, וועלכע וווינט שוין זינט יאָרן אין פּאַריז, איז נישט קיין פּנים חדשות פּאַר אונדזערע לייענער. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אין „חשבון" אירע שאַפונגען דורך וועלכע זי געפינט אַן אינטימע פאַרבינדונג מיטן לייענער. רבקה קאָפּע איז אויך נישט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. איר ערשט לידער-בוך „טוי פון שטילקייט" איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1951. זינט דעמאָלט האָט זי פאַרעפנטלעכט: „אַ נײַ לעבן" — דערציילונגען; „שטערן אין מיין שויב" — לידער; „קאָלירן און קלאַנגען" — לידער; „אינטים מיטן בוך" — עסייען. איצט האָבן מיר באַקומען איר לידער-בוך „סימפאָניע אין ווינט", אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אין יאָר 1978.

### „סימפאָניע אין ווינט..." —

אַ כאַראַקטעריסטישער טיטל פּאַר אַ לידער-בוך פון אַ היינטצייטיקער יידישער דיכטערין. סימפאָניע איז, ווי באַוווּסט, אַן אָרקעסטראַלע שאַפונג, אין וועלכער עס טיילט זיך אויס אַ סאָלאָ אינסטרומענט אָדער אַ גרופּע אינסטרומענטן אין אַ מין „דיאַלאָג". נו, שפּילט די דיכטערין איר סימפאָניע און עס הערט זיך צו איר צו... דער ווינט. די קלאַנגען אויפן ווינט ווערן אַמאָל שאַרפער, ציטער-פלאַטערדיק, און ציטענוויז ווערט גאָר די סימפאָניע אויפן ווינט פאַרוואַנדלט אין אַ הימלישער מיסטעריע:

„כ'האָב פאַרשלונגען<br>
אַ טעלערל הימלישע קלאַנגען,<br>
האָבן זיי זיך אין מיר באַהאַלטן,<br>
פאַרדעקט מיט אַ וואָלקן.<br>
בין איך אַ וואָלקן<br>
אינעם וואָלקן אַריין,<br>
פון בליצגעשמיד<br>
זענען מיר געוואָרן איין."

(מוזיק)

וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן אַז רבקה קאָפּעס לידער-סימפאָניע איז אָנגעלאָדן מיט יענעם „בליצגעשמיד", וואָס קומט אויף ביים צוזאַמענשטויס פון וואָלקנס און אי-גורם אַ שטורעם. אָבער ניין, מיר האָבן דאָ גיכער צו טאָן מיט דעם שטילן דיאַלאָג פון אינסטרומענטן און קלאַנגען — אַ דיאַלאָג מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין. און אויב מיר באַנוצן זיך שוין מיט מוזיקאַלישער טערמינאָלאָגיע, צו וועלכער עס האָט אונדז אָנגערעגט די דיכטערין, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז איר שאַפונג איז אַ פּאָליפאָנישע, אין איר הויזן צוזאַמען פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען ריטמען און קלאַנגען — פון דעם קלאַסישן פערז, ביז דעם מאָדערנעם היינטצייטיקן ליד, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אויסערלעכע פאָרמען און בלויז איינגעהיט אַן אינערלעכן ריטם, און פונקט אַזוי ברייט-דיאַפּאַזאָניק איז איר טעמאַטיק — פון פּערזענלעכער ליריק און דין-דינער נאַטור-שילדערונג, ביז פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס וועגן וועלט און מענטש, ווי למשל די וויטערדיקע שורות פונעם ליד אונטער דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „מענטש".

„...גוואַלד,<br>
ווען מען גיט אַ טראַכט,<br>
אַז פון גאַנצן פלייס<br>
מיט יעדנס מי פאַרשווייסט<br>
איז יעדער מענטש<br>
אַריבער"; דער יידישער דיכטער, דער טרעגער פון יידישן נצח, פון יידישער שעפערישקייט, איז, אפילו ווען ער איז דער יחידישסטער דיכטער; אפילו ווען זיין ליד פאַרנעמט זיך מיט אוניווערסאַלע, אייביקע דילעמעס — אפילו דעמאָלט איז ער דער פאַרקערפּערער און דער אָפּהיטער פון אונדזער אַנדערשקייט, פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט, פון אונדזער לשון. דעריבער ווילט זיך באַגריסן דעם דיכטער משה שטיינגאַרט, וועלכער האָט זיך „דערהערט צום דינסטן קלאַנג פון וואָרט."

אינעם גאַנצן געווימל
איין — אַליין,
וואָס דרייט זיך
ווי אַ ראָד אַריין
אין דער אימפּעריע
פון ניט זיין
און ווערט אַן עפּעס
פון די היעראָגליפן
פון אחד —
וואָס דאַרף מיליאַרדן יאָרן
אויף גאַרנישט צום פאַרשטיין."

און די דיכטערין טראַכט. און זי צווינגט דעם לייענער מיטטראַכטן. אירע לידער זענען נישט אַלע מאָל לייכט צום פאַר־דייען, אָבער אָפּט מאָל איז כדאי דער אָנשטרענג, באַזונדערס ווען איר טרעפט זיך אָן אויף אָריגינעלער בילדלעכקייט געפּאָרט מיט פאַרטיפטן געדאַנק. עס טרעפט אויך, אַז רבקה קאָפּע מאָלט אַ בילד מיט פשוטע ווערטער, קורץ און געפּאַסט און זי עפנט אויף פאַר אייך די וועלט ווי אַ בוך:

„די ווערבע
מיט די לאַנגע וויעס
און גרינע טרערן
לייענט דאָס בוך
פון דער ערד.
קיין שום בוך
האָט ניט די זכיה
און אויך ניט די ווערט,
אַזוי פיל מאָל
געלייענט צו ווערן,
ווי די ערד."

(מיר דאַכט)

און ביי דעם אַלעם איז זי באַשיידן, רבקה קאָפּע, און צווייפלט אין דער אַל־מעכטיקייט פון וואָרט. איז עס גוט פאַר אַ דיכטער. פירט עס אויך צו דער מסקנה וועגן איר אייגענעם ליד:

„מיין ליד איז אַ זייגערל
אָן וויזערס,
מיט אַ מיני־העמערל וואָס שלאָגט.
עס וויזט טאַקע נישט ווי שפּעט עס איז
אַ שטייגער,
נאָר אַ דופק ס'פאַרמאָגט."

יאָ, עס פאַרמאָגט אַ דופק, רבקה קאָפּעס ליד, און דאָס איז אַ קענטיקע דערגרייכונג. בפרט, אַז אָפּט מאָל מאַכט עס אונדזער דופק מיטקלאַפּן צום ריטם פון איר ליד.

מ. ש.

## די פערנאַנדאָ בענאָ ליטעראַטור פרעמיע

די שרייבערס וואָס ווילן אנטייל נעמען אין קאָנקורס פאַר דער יערלעכער פּרע־מיע פון ליטעראַטור־פאָנד אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ בענאָ אין מעקסיקאָ, דאַרפן צושיקן צו צוויי (2) עקזעמפּליאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין יידיש, העב־רעיש, אָדער שפּאַניש, צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל קאָמיטעט אין מעקסיקאָ.

אין חודש מערץ, 1980, וועלן אויסגע־טיילט ווערן פּרעמיעס פאַרן יאָר 1979 אין דער הויך פון טויזנט דאָלער יעדע איינע.

די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויפן שער־בלאַט די דאַטע ווען זיי זיינען דער־שינען — אין 1978 אָדער 1979.

דער טערמין פון צושיקן די ביכער ענדיקט זיך דעם 31טן דעצעמבער 1979. די ביכער דאַרפן צוגעשיקט ווערן צו:

COMITE CENTRAL ISRAELITA
*Premio Literario "Fernando Beno"*
Acapulco 70, Desp. 503
Mexico 7, D. F.

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

די פאַרוואַלטונג